בס"ד. שיחת י"א ניסן (בין מנחה למעריב) השל"א. <u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

(צוה להשלוחים דאוסטרלי' ולהת' שבאו מאה"ק ה"ו שיאמרו לחיים).

א. מאמר ד"ה ביום עשתי עשר יום נשיא וגו'.

ב. כאן המקום והזמן אויף אפדאנקען אט די אלע וואס האבן געבענטשט און געוואונטשן איחולים לבביים וכו' וכו'; וואס ס'איז דאך אין הזמן גרמא צו שרייבן יעדערן באזונדער וכו' – איז דאס כאילו מען וואלט געשריבן יעדערן באזונדער און געזאגט יעדערן באזונדער [און בודאי וועלן דאס אלע נעמען ווי דאס איז – אז דאס איז געזאגט געווארן מקרב ולב עמוק (ניט ח"ו וואס מען וויל פארשפארן צייט און טירחא וכו')] –

אז יתברכו ממקור הברכות – פון דעם אויבערשטן – בכל המצטרך להם. און נאך מער: ברכתו של הקב"ה איז דאך תוס' מרובה על העיקר (ב"ר פס"א, ד. ילקו"ש ח"ש רמז קט (ובדב"ר פ"א, יג – בשינוי קצת)), וואס ס'איז דאך א פסוק אין תושב"כ (לך יב, ג) "ואברכה מברכיך", און בפרט ווי מען איז דאס מבאר בארוכה אין תושבע"פ (סוטה לח, ב. ירושלמי הובא בתוד"ה ואברכה (חולין מט, א. ועיין ד"ה אריב"ל כל כהן שמברך (תרכ"ט) על השינוי מירוש' שלפנינו (ברכות ספ"ח)). וראה ג"כ שו"ע אדמוה"ז חאו"ח סוסר"א) – זאל מקויים ווערן ביי יעדערן פון זיי, און ביי אלעמען צוזאמען, די ברכות ה' מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה, וואס כל הנותן בעין יפה נותן (ראה ב"ב נג,א).

און אויך א צווייטער ענין (וואס דאס איז אן ענין וואס הזמן גרמא, אעפ"י וואס מען האט שוין כמה פעמים גערעדט וועגן דעם): זיך משתדל זיין אז ס'זאל זיין וואס מער מצה שמורה ביי וואס מער אידן, עכ"פ בהנוגע צו די זיתים פון די ליל הסדרים,

ויהי רצון אז ס'זאל מקויים ווערן דאס וואס איז געבראכט פון כתבי האריז"ל (באה"ט רסתמ"ז), אז אויב ס'וועט ניט זיין קיין משהו חמץ בפסח וועט דער גאנצער יאר זיין אן אפגעהיטער – וועט במילא זיין דער "זמן חירותינו" בזמן הפסח כדרוש, וועט דאס ממשיך זיין חירות על כל השנה כולה,

ביז אז מען וועט זוכה זיין צו "ויהי ביום השמיני" [ווי די פרשה פון די איצטיגע טעג – וואס דאס איז דאך די תורה פון דעם אלטן רבי'ן (סה"ש תש"ב ע' 29) אז מען זאל לעבן מיט דער צייט, מיט דער פרשה פון דער וואך]: אז מען זאל זוכה זיין צו דעם כינור דלע"ל וואס ער האט דאך <u>שמונה</u> נימין (ערכין יג, ב), כמדובר אין דער התועדות פון ש"ק (ש"פ צו, שבה"ג), און די שמונה נימין זאלן כולל זיין דעם "אותו היום נטל עשר עטרות" (שבת פז, ב), ביז עס וועט זיין דער "עלי עשור ועלי נבל" (תהלים צב, ד), אז דאס וועט אראפקומען בגילוי – אז ס'וועט זיין ביי א אידן די עבודה בשלימותה מצד עשר כחות שלו, ווי אין יעדערן שטייט בגלוי די "עטרה" פון דעם כח – מצד דעם ענין הרצון וקב"ע, מיט אלע פרטים ועניניס שבזה,

און מען וועט יורש זיין די ארץ שבעה אומות בשלימותה ובקרוב ממש, ביז אין דעם שלימות'דיקן אופן ווי עס קען זיין, ותיכף ומיד; און אויך דעם ארץ הקני וקנידי וקדמוני, דער ארץ וואס וועט משלים זיין דעם אויבערשטנס הבטחה צו אברהם'ן, אז נאך דערויף וואס "ועבדום וענו אותם" (לך טו, יג) בזמן הגלות איז "אחרי כן יצאו ברכוש גדול", און ווי ער איז דערנאך מסיים, אז מען וועט געבן יעדערן, און אלע אידן צוזאמען, די אלע <u>עשר</u> אומות,

זאל אזוי אויך זיין אין די עבודה פון כל אחד, אז ניט נאר זאל די עבודה זיין בשלימותה מצד די שבעה אומות – די שבעה מדות, נאר אזוי אויך

– די –

די עבודה מצד חב"ד שבנפש, וואס ברוחניות ובעבודת האדם איז דאס דער ענין פון "קני קניזי וקדמוני", כמבואר בכמה מקומות,

און דאס זאל אויך אראפקומען אין ברכת ה' בגלוי, אין די גאולה האמיתית והשלימה, ביז אין שלימות הכיבוש וירושה פון אלע עשר אומות, וכן תהי' לנו בעגלא דידן בניסן זה, וואס בניסן נגאלו און בניסן עתידין להגאל (ר"ה יא, א. שמו"ר פט"ו, יא) בקרוב ממש.

(בירך ברכה אחרונה, וטרם צאתו התחיל לנגן "על אחת כמה וכמה").

הנחת הת' בלתי מוגה